בס"ד

אידישע



שלום עליכם

# ברוכים הבאים
# צו די שווייצער אלפים

## פערשטענדענישן צו די שווייצע מנהגים



# ברוכים הבאים קיין שווייץ

ברוכים הבאים קיין שווייץ

שווייץ ענטהאלט אויסנאם פראכטפולע פלעצער, און איז בעזונדער בעוואוסט מיט אירע שווייצער אלפים-בערג, וואס ציהט פיל אידן פון אלע וועלטס-טיילן.

אין שווייץ לעבן ארום 18000 אידן (0.2% פון די אידישע בעפעלקערונג), און עס עקזיסטירט אין איר א רייכבאר אידישער לעבן, מיט פערשידענע קהילות און שוהלן אין מערער שטעט.

דער פיר(הילף)-בוך וועט דיר קלאר מאכן די כשרות פון פערשידענע שפייזן, ווי אויך דאס וויסן וועגן שוהלן. אויך וועסטו טרעפן דערהין אנדערע וויכטיגע פונקטן וואס קענען דיר העלפן אין דיין בעזוך. דאס פיר-בוך איז נישט קיין הלכה-בעשלוס.

אויך קען דיר דאס ביכל פערמיידן פון אום-אנגענעמקייט און מיס-פערשטענדענישן צווישן די אידישע געסט מיט די אלגעמיינע איינוואוינער.

די מיס-פערשטענדענישן האבן שוין ליידער געברענגט פיל קלאגעס וועגן אידישע טוריסטן, דערפאר איז אונז זעהר וויכטיג אייך קלאר צו מאכן די שווייצער קאלטור און ארטיגע פונקטן, פאר איר גרייט זיך צום אינטרעסאנטן בעזוך.

מיר אלע זענען פעראנטווארטליך פארן אידישן נאמען, עס איז אונזער אחריות עס צו נעמען ערנסט.

מיר האפן דאס דער הילף-בוך וועט פערשטענדיגן געוויסע פראבלעמען, און וועט אונז אלעמען העלפן נאך מער צו געניסן אין שווייץ.

מיר ווינטשן אייך אן אנגענעמע פעריהען!

# כשרע שפייז

וויבאלד וואס אין די שטאטישע געשעפטן האבן נישט די געוויינליכע עסן קיין הכשר, מוז מען זיך בעציהען צו די ליסטע וואס בעצייכנט אלע כשרע עסן, וואס מען קען יא בעקומען אין שווייץ.

עס זענען פעראהן צוויי הויפט געשעפטן אין לאנד – COOP און MIGROS , כאטש איינע פון זיי עקזיסטירט כמעט אין יעדן שטעטל.

מערסטנס פון די בעצייכנטע כשרע עסן-ווארג געפינען זיך אין די געשעפטן. אויך קען מען דארט טרעפן פון מאל צו מאל פראדוקטן מיט א כשרות-סטעמפל.

די כשרע ליסטע קען מען בעקומען: http://www.irgz.ch/koscherliste/

אויב איר ניצט חלב-עכו"ם, קענט איר טרעפן נאך פראדוקטן:

https://igb.ch/de/religioses/koscherupdates

מער פרטים וועגן די כשרות אין שווייץ איז פעראהן:

www.swissjews.ch/en/jewish-life/kosher-in-switzerland/lists-of-kosher-products/

# געשעפט-שטונדן:

דער בנק איז געוויינדליך אפן פון מאנטיג-פרייטיג, צווישן 8:30 אינדערפריה צו 4:30 נאכמיטאג. איין מאל א וואך איז אפן ביז שפעטער, מען ברויך זיך אינטערעסירן אין די שטונדן פון ארטליכן-בנק. אלע בענק זענען פערמאכט זונטיג און חאגעס. אסאך בענק ענטהאלטן א כספומט וואס נעמט אנדערע אשראי-כארדס. פאר ווען איר קומט קיין שווייץ, מאכט ביטע זיכער דאס מען קען דארט נוצן אייער בנק-קארד.

פאסט-אפיס זענען אפן פון 8 אינדערפריה ביז 12 מיטאג, און פון 14:00 ביז 17:00 נאכמיטאג. די פאסט-אפיסן וואס געפינען זיך אין א געשעפטן-צענטער (מאלל) זענען געוויינליך אפן לויט די שטונדן פון דעם צענטער. אלע פאסט – אפיסן זענען פערמאכט זונטיג.



געשעפטן אין קליינע שטעטלאך זענען אין אלגעמיין אפן צווישן 8:30-12 מיטאג, און פון 14:00-18:30 אוונט. אין די גרעסערע שטעט זענען די געשעפטן אויך אפן צווישן 14:00-12, און איין מאל א וואך ביז 20:00, אמערסטנס איז עס דאנערשטיג.

# דאס געלד

שווייץ נוצט זיך מיט א שווייצער פראנק, וואס איז בעצייכנט מיט CHF . אסאך פרייזן זענען אויך בעצייכנט מיט יורו אום די טוריסטן זאלן קענען צושטעלן דעם פרייז.

הענדלערס קענען אויסוויילן אנצונעמען יורו, אבער זיי מוזן נישט צושטימען דערצו. מערסנטס מאל וועט די רעשט זיין שווייצער פראנקן.

# לעקטערי

די לעקטער אין שווייץ איז ווי אין מערסנט אירופה 50 / V230.

אין שווייץ נוצט מען די סארט שטעקערס 2 (C – פין). (א סארט C שטעקער פאסט אויך פאר סארט J שטעקערס).

מערסטנס שטעקערס זענען געמאכט פאר רינדעכיגע 3 – פין. מען קען נוצן דעם סטאנדארט אונעבערסאלער שטעקער מיט די צוויי רינדעכיגע פינים, וואס פאסט צו מערסטנס מאשינען אן קיין פראבלעם.



# די שווייצער קאלטור, און פריינדליכע איינפירונגען

די גערעדטע שפראך אין שווייץ איז דויטש, פראנצויזיש, איטאליעניש, און רומנש. לויט די פיהר געגענדן פון לאנד.

מערסטנס איינוואוינער קענען אויך ענגליש. די שווייצער איינוואוינער זענען בעוואוסט מיט זייער צוגעלאזקייט, פונקטליכקייט און זענען זעהר מסודר. מען ברויך געדענקען דאס אין שווייץ זענען פעראהן ספעציעלע פריינדליכע פירונגען. א טייל פון זיי ברענגען מיר פאר אייך און עס איז זעהר וויכטיג זיי אויסצופירן:

מיר האבן צאמגענומען עטליכע טיפן וואס ועלן אייך העלפן געניסן און זיך פילן בעקוועם אין שווייץ. איר זאלט אייביג געדענקען דאס "דינא דמלכותא דינא" און מען ברויך זיך פירן לויט די ארטליכע געזעצן!



# ווינטשן פרידן און זיך בעקענען

אין שווייץ, און ספּעציעל אין די שטעטלאך, איז איינגעפּירט צו גריסן יעדער וואס גייט דורך אין גאס, אויך אויב מען קען אים נישט. מען קען זאגן: "גוטן טאג", "גראוזי", "בונז'ור" אדער אפילו "הלו". ווען מען טרעפט זיך מיט פריינד און קאלעגעס, פירט מען זיך צו געבן די האנט. מערסטנס מענטשן ווייסן נישט זיך צו פערמיידן פון טאטשן. דערפאר אויב עס איז דיר ווירכטיג, און אום נישט אויסצוזעהן אום-טאקטיש, ערקלער פאר די מענטשן וואס דו טרעפסט זיך מיט זיי, דאס ארטאדאקסישע מענער און פרויען פערמיידן זיך פון ידען פיזישן טאטש וועגן זייער גלויבן.

פאר א געבעטן זאגט מען "ביטע", און צום בעדאנקען זאגט מען "דאנקע". די שווייצער נוצן די ווערטער מער ווי יעדן פאלק.

# זיך רעכענען, כבוד און טאקט

**שטילקייט**

איינע פון די גרויסע מעלות פון שווייץ איז איר שטילקייט, ספּעציעל אין די נאכט-שטונדן. אויך די איינוואוינער און אויך די טוריסטן לייגן אכט אויף א נידריגן טאן אין צבורישע פלעצער, ווי צ.ב. אויפן באס, אזוי אויך ביים רעדן פלאפו. די וואס זענען געוואוינט צו הויכע שטאטישע גערוישן, זעהט די זאך אויס שווער, אבער די טיפע שטילקייט שאפט דעם וואונדערבארע רוהיגע שווייצער אטמאספער.



### רייניקייט

שווייץ איז בעוואוסט מיט איר רייניקייט, און ערוואַרט פון די טוריסטן זיך צו צופאסטן דערצו. ווארפן מיסט אין גאס רעכנט זיך פאר זעהר א פערמיאוסטע פירונג,ווען מי גייט אויף א שפאציר אדער א הייק . אין שווייץ עקזיסטירן קלארע שטרענגע געבאטן אין אלס וואס פערבונדן אין רייניקייט און מיסטן(גארביטש), און דער שטראף פארן עס נישט אויספירן קען אנקומען צו גרויסע סומעס געלד. אויב איר געפינט זיך ביי א נאטור-וועג, און עס איז נישט פעראהן פאסיגע מיסטן, נעמט ביטע צאם די מיסט אוןווארט אויף שפעטער.

### לאגיק

עס זענען פעראהן אומזיסטע שטאישע פערברנגען-פלעצער, ווי שפיל-גארטנס, שפיל-שיפן און פלעצער צו קריכן. געוויינליך נוצט מען זיך דערמיט א לאגישע קורצע צייט, אום נאך קינדער/מענטשן זאלן קענען געניסן דערפון.

### געדולד

אין שווייץ ציהען זיך זאכן לאנג, אלע ווארטן מיט געדולד אויף זייער צייט. ביי די באס -סטאנציעס , ווארטן אלע ביז יעדער גייט אראפ. פארן ארויף גיין צום באן, באס, אדער רכבל (cable railway)ווארט מען אין רייע, און מען גייט ארויף אן זיך שטופן.

ווער עס איז געקומען דער ערשטער איז פריהער, קינדער ברויכן ווארטן און מען דארף זיי עס ערקלערן.

א פריינדליכער שמייכל וועט אייביג צוגעבן צו א פאזעטיווער איינדרוק!

# אטראקציעס

### שווים קליידער

מערסטנס פלעצער פון וואסער, זענען אפן פאר פרויען מיט מענער אין איין צייט. עס איז נישט איינגעפירט צו שווימען מיט א אויבערשטע קלייד וואס איז נישט געמאכט געווארן צו ניצן אין וואסער.



### נישט כשרע רעסטאראנטן

ווען מען גייט ארויס צו א אום-כשרע רעסטאראנט, בעשטעלט מען נישט נאר קראן-וואסער. יעדער מענטש דארף בעשטעלן כאטש איין טרונק. (עס פאסט נישט צו בעשטעלן איין טרונק פאר עטליכע מענטשן). עס זענען פעראהן עקסטערע געגענדן פאר פיקניק, דארט עסט מען די עסן פון דער היים. מען מעג נישט עסן אייגענע שפייז אויפן ארט פון רעסטאראנט.

טואלט - מען מעג נוצן דעם טואלט אין רעסטאראנטן און האטעלן נאר ווען מען בעשטעלט עפעס. מאלן ברויך מען צאלן אויפן נוצן דארט דעם טואלט (צווישן 05 ראפן צו 2 פראנק).

### פרייזן

מען קען זיך נישט דינגען. עס זענען פעראהן מאשינען וואס לייגן פאר ביליגערע קארדס פאר גרויסע גרופעס אדער פעמיליעס. מען מוז צאלן אויך פאר קינדער, לויט זייער עלטער.

### גאסט-קארד

פיל מאל, גיבן די תור-געגענדן פאר זייערע געסט, אומזיסטע פארברענגען קארדן און דאס גלייכן. דאן זענען די קארדן נאר פערזענליך, און בלויז דער מענטש וואס עס איז אויף זיין נאמען קען עס נוצן. מאלן איז זייער נוצן נאר מיט א פאספארט אדער יעדער ספעציעלער דאקומענט. איבערגעבן די קארד פאר א צווייטן רעכנט זיך פאר א גניבה.

# געדונגענע הייזער און האטעלן

### שבת

ווען מען שטייט איין שבת אין האטעל אדער סיי וואו, איז אום צו פערמיידן הלכה-פראבלעמען און אום-אנגענעמקייטן אין שבת-קודש, ברויך מען צוקומען פון פאראויס צו וויכטיגע קאנקרעטישע פערשטענדעניש. די אלגעמיינע איינוואוינער קענען נישט אונזערע אידישע פירונגען, דערפאר ברויך מען זיי בעטן רשות פאר שבת, צום ביישפיל:

- נוצן א שליסל אנשטאט דעם קארד אריין צו גיין אין צימער.
- לאזן די לעקטער ברענען אויף א גאנצן שבת.
- ארויסדרייען די עמפלען פון פריז'ידער.
- בעטן פון פאראויס א פלאץ צו צינדן ליכט.

## געדונגענע הייזער

בעמערקט דאס מערסטנס דירות זענען פערדונגען פון שבת צו שבת. דערפאר, איז ספעציעל וויכטיג צו רעדן מיטן אייגנטימער פאראויס. ווען מען פערלאזט א הויז אדער האטעל, ברויך מען עס לאזן ריין און אויפגערוימט אויך אויב מען צאלט פארן רייניגן. מען דארף לאזן די הויז ארגאניזירט און אויסגעקערט. מען מוז גענדענקען צו רייניגן די טואלט און ארויס טראגן די מיסטן לויט די געזעצן. די לעצטע גרויסע ריינקייט ווי רייניגן די ערד, וועלן שוין די ארבעטער פון אייגנטימער טאהן.

## כשרן

אויב איר האט בעשטימט צו כשרן אן הויז, איז זעהר וויכטיג עס צו לאזן אזוי ווי מען האט עס געטראפן. מען מעג נישט אנהייצן אלע פיהר פייערס אין די זעלבע צייט און גיסן דערויף קאכעדיגע וואסער, ווייל עס שאדט דעם טערמאסטאט, מען מעג נאר אנהייצן פריהער איינע אדער צוויי פייערס, עס אפקילן און דאן גיסן אויף זיי קאכעדיגע וואסער. זילבער-פאפיר נוצט מען נאר די דיקע וואס פאסט פאר אויוונס. די געוויינליכע דינע פאפיר קלעפט זיך צום פייער, און גייט שפעטער קוים אראפ. מען קען נישט כשרן גלעזערנע גז'ן. און מען ברויך אכט-לייגן ווען מען נוצט עס.



# אויספלאגעס און (tourism) פארזיכערונג




### גרויסע גרופעס

די אפטע בעזוכן פון גרויסע גרופעס און געבענטשטע קינדער-פאמיליעס, אביערפילן שנעל די באסן און גאנדלס. דערפאר ווען מעגליך, זעהט זיך צו איינטיילן אין קלענערע גרופעס און זיך ווידער טרעפן אין בעשטימטן ארט אדער אויפן בארג. רעדן פריהער מיט די באסן-אויפזעהער, אדער סעקרעטערס, קען אייך און זיי העלפן זיך צו ארגאניזירן ווי עס בעדארף.

### דורכגייער

די געזעצן פאר די דורכגייער זענען זעהר שטרענג. די דורכגייער האבן אייביג א זכות פריהער. ווען עס לאזט זיך, דאף מען בעמערקן צו אדורך-גיין נאר וואו עס איז בעצייכנט.

### פערקער-געזעצן

די פערקער-געזעצן זענען זעהר איינגעשטייפט און מען קען געשטראפט ווערן מיט זעהר אסאך געלד.

### פארקן דעם קאר

מען מעג נישט פלוצלונג אפשטעלן דעם קאר אויפן וועג, דערפאר טאר מען אויך נישטו ארויף נעמען און אראפלאזן מענטשן אין מיטן גאס, באס-סטאנציעס א.ד.ג. די זאך איז א געפאר און די פאליציי קען שטרעג בעשטראפן. ביטע פארקט דעם קאר בלויז וואו עס איז בעצייכנט. א שילד צו סטאפן מיינט זיך אינגאנצן אפשטעלן פארן פארזעצן פארן.

### מאשין-געזעצן אויף די וועגן

זיך פירן אין די וועגן קעגן דעם געזעץ איז אויסגעשלאסן פערבאטן און מען קען געקנס'נט ווערן דערויף מיט הויכע סומעס געלד.

### פערזיכערטקייט אויף די בערג - טיפים:

נאטור-וועגן און קריכן אויף די בערג ברויכן א פאסיגע פארבערייטערונג אויך ווען עס רעדט זיך פון גיין "איין שטונד".

שפאנצירן ווי עס בעדארף וועט אייך העלפן צו זיין פערזיכערט און מער געניסן.

# זיך גרייטן

### די שווערקייט

מען קען נישט גרינג-שעצן די שווערקייט – שטופע פון דאס קריכן. מערסטנס זענען פעראהן פערשידענע וועגן וואס פאסטן פאר פערשידענע שווערקייטן. אסאך פון די וועגן אויף די בערג- זענען הויכע אלפים-וועגן. די וועגן זענען מערסטנס געדרייט און זעהר שמאל, עס פאסט נישט צו גיין דארט מיט א קעריטש (וועגעלע).

### ליכט

פאנגט אן די וועג די פריהסטע וואס איר קענט. בעמערקט די שקיעה.

### וועטער

אינטערעסירט זיך אין וועטער, בעמערקט אויב עס גייט רעגענען, שנייען, זיין פערנעפלט אדער שטארקע ווינטן.

### היט אויף א פערבינדונג

מאכט זיכער דאס איינער וואס קריכט נישט מיט אייך (ווי פריינד וואס זענען געבליבן אין האטעל) ווייסן וועלכע וועג איר האט אויסגעוויילט, און ווען איר קלערט זיך אום צו קערן.

### הילף

נעמט מיט זיך נויטיגע הילף ווי פאשעס, זאלב, א.ד.ג..

# פערזיכערונג פון וועג

### נאטורע וועג

מען מעג זיך נישט דערווייטערן פון בעצייכנטן וועג בשום אופן. עס זענען פעראהן שילדן און צייכנס אויף די צוימען, שטיינער און בוימער, זיי זענען געמאכט געווארן דיר ארויסצוהעלפן אנצוקומען פערזיכערט.

### שיך

מען מוז גיין מיט פערמאכטע פאסיגע שיך צום גיין.

### וואסער

נעמט זיך מיט גענוג וואסער אויף ווען עס איז נישט הייס.





### דורכגענג

אן ארויסגאנג מיט די פאמיליע צום נאטור איז זעהר אנגענעם. אין די שמאלע וועגן, איז כדאי צו גיין אין א רייע אום צו פערלייכטערן פאר די גרופעס פון ביידע זייטן.

### געזונט

נעמט זיך אייער צייט ביים קריכן אין דער הויך. עס וועט ערמעגליכן אייער קערפער זיך צו צוגעוואוינען. מען מוז בעמערקן צו קאפ-ווייטאג, קאפ-דרייעניש, בלוט פון נאז, שווערקייט צו אטעמען. טראגעדיגע פרויען און מענטשן מיט געזונט-פראבלעמען פון די הארץ אדער לונגען ברויכן זיך ראטן מיט א דאקטור פארן רוהען אין הויכע פלעצער.

###ווארפן שטיינער

עס איז פערבאטן צוווארפן שטיינער פון הויכע פעלזן, וויבאלד עס קען זיין אז אנדערע קריכן אונטער אייך. רייסן בלומען פון די בערג איז שטרענג פערבאטן.

# נאטור און נאך:

### נאטור

מען ברויך גיין אין די בעצייכנטע וועגן, נישט נאר צו היטן אויף זיך, נאר אום צו היטן אויפן נאטור. פיל מאל מעג מען נישט טרעטן אויף בלומען, גראז, און פאשע, און מען קען נישט אריין גיין אין פריוואטע שטאלן אויך ווען מען זעהט נישט צוימען ארום.

### אנצינדן א פייער

מען מעג אנצינדן א פייער נאר וואו עס איז בעצייכנט, ווען מען פארלעשט א פייער, מוז מען מאכן זיכער פארן פערלאזן דעם ארט, אז דער פייער האט זיך גענצליך פערלאשן. דער געפאר פון שריפות אין וואלד איז זעהר גרויס.

### מיסט

אין נאטור, אויך אין טייכן און בערג, איז די זאך צו לאזן דעם ארט פונקט ווי מען האט עס געטראפן. דערפאר, קען מען נישט לאזן מיסט. יעדע זאך וואס מען נעמט מיט זיך און מען נוצט נישט, ברויך צוריק גיין מיט אייך. (זעה בלאט 9).

### טואלט

פאר שפארצירען אין נאטור (למשל בערג, שפילגראונד, טייכן) מוז מען ניצען די פאבליקע טואלט'ס (זעה בלאט 10).

# הילף

נעמט מיט זיך די נומערן פון די הצלה און הילף, אויב חלילה מ'דארף.

**פערזיכערקייט און אנטישמישקייט**

שווייץ איז א פערזיכערטע לאנד, און עס זענען נישט פערהאן אין איר מסוכנדיגע שטעט אדער געגנדן. מיט דעם אלס, ברויך מען באמערקן וואס פאסירט ארום אייך, ספעציעל אין אוונט, און אין פערזאמלונג -פלעצער פון יוגנט ענדע וואך.

אויב איר פילט זיך געסטראשעט, רופט באלד אן די פאלציי 177 און מעלדט זיי.

אויב איר לעבט איבער אן אנטישעמישע פאסירונג, ביטע לאזט וויסן די שווייצער פעדעראציע פון די אידישע קהילות:

https://www.swissjews.ch/en/antisemitism

איר דארפט וויסן אז נישט יעדע מיס-פערשטענדעניש איז אן אנטישעמישע פאסירונג. מערסטנס מאל קען א קורצע ערקלערונג אלס בערוהיגן.

**טלפון נומערן:**

פאליציי 117

פייער לעשער 118

הצלה און אמבולנס 144

אום צו בעקומען א דרינגענדע געזונט-הילף ספעציעל אין פערוקטע געגנדן, רופט 1414 אדער +41-333-333-333.

הצלה +41-442-023-060








# SIG

**ווער איז די פעדעראציע פון די אידישע קהילות**

די שווייצער פעדעראציע פון די אידישע קהילות (SIG) איז די פאליטישע ארגאניזאציע פאר די שווייצער אידן, זי שטייט פאר די אידישע אינטערעסן אין לאנד, ביי די פעדעראלישע מוסדות און פערבינדונגען אין פעשידענע הינזיכטן.

אט די ארגאניזאציע ענטוויקלט א דיאלאג מיט אנדערע ארטאדאקסישע קהילות, ברענגט וויסנשאפט אויף די אידישקייט אין שווייץ, און לאזט וויסן די שווייצער אינטערעסן אין אידישע אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציעס. אויסער דעם, ענטוויקלט אויך SIG דעם קאלטור, יוגנט און פריינדליכע פערבינדונגען מיט נאך קהילות.

צווישן די הויפט ציהלן פון SIG איז צו פערמיידן יעדע סארט אנטישעמישקייט, און הילף אין אידישע גלויבן- ענינים, ספעציעל שאפן זאל זיין כשרע פלייש אין שווייץ

מען קען זיך ווענדן פארן יעדע זאך:

א ווארעמער ענטפער פאר טוריסטן:

+41(0)43-305-07-65

רופט אונז:

travelers@swissjews.ch | www.swissjews.ch/travelers

© SIG 2019

**SIG**
Schweizerischer
Israelitischer
Gemeindebund

**FSCI**
Fédération suisse
des communauté
israélites

אין קואפרציע מיט די GRA פאונדיישן
און די קהילות פון SIG:

1. Israelitische Kultusgemeinde Baden
2. Israelitische Gemeinde Basel
3. Jüdische Gemeinde Bern
4. Jüdische Gemeinde Biel / Communauté Juive Bienne
5. Israelitische Cultusgemeinde Bremgarten
6. Israelitische Kultusgemeinde Endingen
7. Communauté Israélite de Fribourg
8. Communauté Israélite de Genève
9. Communauté Israélite de Lausanne et du Canton de Vaud
10. Communauté Israélite du Canton de Neuchâtel
11. Jüdische Gemeinde St. Gallen
12. Jüdische Gemeinde Solothurn
13. Israelitische Gemeinde Winterthur
14. Jüdische Gemeinde Agudas Achim Zürich
15. Israelitische Cultusgemeinde Zürich
16. Israelitische Religionsgesellschaft Zürich

